# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................. **8:13**
מוצאי שב"ק...................... **9:41**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שמואל-א' כ"ב-כ"ג
בבלי...................בכורות נ"ט
ירושלמי...........מעשר שני ט"ז
תוספתא.......מועד קטן פרק ב'
רמב"ם...........פרה אדומה ט"ו

פרשת נשא, י"ב סיון, אבות פרק א', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 40 (400)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם,** מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) **אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן", דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) **אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ,** וַוייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁוֶועריִקֵייטְן. דֶערִיבֶּער דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַ צַדִיק, זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע וָואךְ **"נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת"** הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּם הֵיילִיגְן מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

זָאגְט אָבֶּער דֶער פָּסוּק אוֹיךְ **"נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם"**, דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין. **"לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם"**, זֵיי זָאלְן וִויסְן פוּן וָואסֶערֶע חָשׁוּבֶ'עֶ מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען. זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה יא, ה) **יְבָרֶכְךָ ה'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִדְבָּר רַבָּה יב, ג), **וְיִשְׁמְרֶךָ**, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִיקִים.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) **אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ,** אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **"יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס **"וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט

גַאֲוָה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה, דִי מִדָה צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט צוּ וָואס עֶר קֶען אָנְקוּמֶען, עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז עֶר קֶען נָאךְ גֶעוואוּיר וֶוערְן נֵייעֶ זַאכְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶפֶּעס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער, עֶר קֶען נָאךְ מַאכְן טָעוּתִים, אוּן עֶר לֶערְנְט זִיךְ פוּן דִי טָעוּתִים, עֶר פְּרוּבִּירְט זֵיי צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן צוּ זֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ אָבֶּער גְרוֹיס, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן גֶעלוּנְגֶענְסְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, דַאן וֶוען עֶר הָאט דוּרְכְפַאל, זַאכְן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן דֶערְפוּן, "וָואס הֵייסְט? אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא דוּרְכְפַאל? וִוי אַזוֹי הָאט דָאס גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען צוּ מִיר?", אוּן דָאס נֶעמְט אִים אַוֶועק דִי מוּט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין, עֶס נֶעמְט אִים אַוֶועק דֶעם אַפֶּעטִיט פוּן פְּרוּבִּירְן צוּ דֶערְגְרֵייכְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס אוּן בֶּעסֶערְס. קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאֲוָה הַרְגְ'ט

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'דַארְף' הָאבְּן קוֹיפְט מֶען, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען 'ווִיל' הָאבְּן - וַוייל יֶענֶער הָאט דָאס - קוֹיפְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַן אֱמֶת'עֶ לֶעבְּן וָואס מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט וַוייל יֶענֶער לֶעבְּט, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְּרַאוֶוען זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, וִוי אַ בַּר מִצְוָה, חֲתוּנָה וְכַדוֹמֶה, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן צוּ מַאכְן טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת צוּלִיבּ וָואס 'יֶענֶער' מַאכְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, נָאר זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט וְכוּ'.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שְׁמוֹת תשע"ט)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַּארְוָואס זָאלְן דִי בִּילִיגֶע חֲתוּנּוֹת זַיין נָאר פַאר בְּרֶסְלֶב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ס'אִיז זֵייעֶר צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן אֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ בִּכְלָלִיוֹת, אוּן בִּפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן חֲתוּנָּה מַאכְן פְּרַאקְטִישׁ אוּן בִּילִיג, אוּן נִישְׁט פַארְפַּאטְשְׁקֶענֶען אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוּן צַייט וֶוען מְ'הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער פַארְוָואס מְ'זֶעט נִישְׁט מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס נָאכְמַאכְן? דִי חֲתוּנָּה סְטַאנְדַארְט בַּיים הַיימִישְׁן צִיבּוּר אִיז דָאךְ אַזוֹי הוֹיךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, פַארְוָואס זָאלְן אַנְדֶערֶע רַבָּנִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן אוּן אוֹיךְ מַאכְן חֲתוּנּוֹת אִין שׁוּל פַאר בִּילִיג, פַארְוָואס זָאל דָאס זַיין נָאר פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער גֶעדַאנְק זָאל וֶוערְן מֶער בַּאוואוּסְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאב פָּשׁוּט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער גֶענוּג צוּ בַּאדַאנְקֶען, אִיר זֶענְט מַמָּשׁ פוּן דִי פִּלְאֵי הַבְּרִיאָה, אַייעֶרֶע זְכוּתִים זֶענֶען אוּמְשַׁאצְבַּאר.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נֶעכְטְן אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי פִּינְפְטֶע חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה - אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי אִידִישׁ; עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָּה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ. דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְשׁוּנֶּה פְרֵיילִיךְ אַז עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקָאסְט קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט בַּיי דִי נֶעכְטִיגֶע חֲתוּנָּה אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲתוּנּוֹת אִין יְשִׁיבָה זָאגְן פֶּה אֶחָד: "אַ שָׁאד אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען קֶען דָאס מַאכְן בְּחִינָּם".

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מַאכְן פָּשׁוּט'עֶ שִׂמְחוֹת אִיז נִישְׁט מַיין גֶעדַאנְק, דִי זַאךְ פוּן מַאכְן חֲתוּנּוֹת בְּחִינָּם אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אִין אַ שׁוּל קוּמְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט דָאס שׁוֹין פַאר לַאנְגֶע יָארְן אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אִין יַבְנְאֵל אוּנְטֶערְן גְרוֹיסְן שׁוּל אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָּה מַאכְן בְּחִינָּם; דִי עֶסְן וֶוערְט גֶעקָאכְט דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְכֶע צֶעטֵיילְן זִיךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אֵיינֶער מַאכְט אַ קוּגְל, אֵיינֶער פִישׁ, אֵיינֶער בְּרֶענְגְט חַלּוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיר הָאבְּן סַךְ הַכֹּל גֶעטוּן צוּ דִי זַאךְ לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס פָארִיגֶע יָאר וֶוען מֵיידְלֶעךְ פוּן אוּנְזֶער סְקוּל 'בֵּית פֵּיגָא' הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן כַּלּוֹת. אִין 'בֵּית פֵּיגָא' לֶערְנְט מֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְנ'ס גֶעלְט, אוּן אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קוֹיפְן אַ חֲתוּנָּה קְלֵייד פוּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר אַפָּאר שָׁעָה וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר דַארְף בָּארְגְן גֶעלְט בִּשְׁעַת מֶען קֶען נֶעמֶען פַאר בְּחִינָּם אַ קְלֵייד פוּן אַ גְמַ"ח אוּן הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע טַאטֶע, אוּן אַז עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ דִינְגֶען אַ זַאל פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָּה פַאר צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער בִּשְׁעַת מֶען קֶען חֲתוּנָּה הָאבְּן אִין שׁוּל, אוּן מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט אַ מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אָן בָּארְגְן גֶעלְט. דִי כַּלּוֹת הָאבְּן אַלֶע גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן חֲתוּנָּה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אוּן מַאכְן חֲתוּנּוֹת אִין יְשִׁיבָה.

עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנּוֹת אִין יְשִׁיבָה, אֵיין זַאךְ אִיז נִישְׁט דָא: "חוֹבוֹת"; דִי חֲתוּנּוֹת אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען בְּחִינָּם. דִי מוּזִיק מַאכְן דִי בָּחוּרִים, דִי עֶסְן מַאכְן דִי פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אֵיינֶער מַאכְט פִישׁ, אֵיינֶער קוּגְל וְכוּ', אֵיינֶער בִּילְקֶעלֶעךְ, טְרִינְקֶען אוּן פֶּעיפֶּער-גוּדְס קוּמְט פוּן דִי קָאךְ פוּן יְשִׁיבָה; אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען נִישְׁט דָא קַיין סַארְוֶוערְס, דִי עֶסְן לִיגְט אִין דִי זַייט אוּן יֶעדֶער נֶעמְט זִיךְ אַלֵיין. בַּיי מִצְוָה טַאנְץ אִיז נִישְׁט דָא קַיין לַאנְגֶע דְרָשׁוֹת פוּן הֶסְפֵּדִים, נָאר דֶער שַׁמָּשׁ רוּפְט אוֹיס צוּם טַאנְצְן, עֶר זָאגְט בְּקִיצוּר: "יַעֲמוֹד יַעֲמוֹד" פַאר דִי זֵיידֶעס, מְחוּתָּנִים אוּן חָתָן כַּלָּה. מִשְׁפָּחָה טַאנְצְן נִישְׁט קַיין מִצְוָה טַאנְץ, מִצְוָה טַאנְץ אִיז נָאר פַאר זֵיידֶעס, עֶלְטֶערְן אוּן חָתָן כַּלָּה.

דֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָּה גֶעמַאכְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם גֶעדַאנְק פוּן חֲתוּנָּה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה וְכוּ', אָבֶער דֶער וָואס הָאט שׁוֹין חֲתוּנָּה גֶעמַאכְט אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט חוֹבוֹת - דֶער וֵוייסְט שׁוֹין גָאר גוּט דָאס חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה אַז דִי מְחוּתָּנִים קֶענֶען זִיצְן אוּן עֶסְן רוּאִיג אוּן זֶענֶען זִיךְ מְשַׂמֵּחַ ווִי וֶוען עֶס קָאסְט זֵיי גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלְט.

<<<<<<

>>>>>>

אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוֹיף אַ בַּעַל גַאֲוָה "אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר בִּכְפִיפָה אַחַת", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זִיךְ, עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶענוּג גְרוֹיס, עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אוּן וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין, דַאן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִים. אוּן דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס וֶועט לַיידְן פוּן דֶעם אִיז נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען נַייעֶ זַאכְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין נֶעבְּן אַ בַּעַל גַאֲוָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין גָלוּת לַיידְן. אֵיינְמָאל אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט, קֵיינֶער דָארְט הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי צְוֵויי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ, אֵיינֶער זָאגְט פַאר'ן חַבֵר: "אִיךְ זֶע דִי אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען צוּרִיק פוּן לִיזֶענְסְק מִיט אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְּן, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוֹיף זֵייעֶרֶע פֶּנִימְ'עֶר, אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַהִין פָארְן". זַיין חַבֵר הָאט אִים אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט פַאר אוּנְז צוּ פָארְן אַהִין, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן אַז מִיר זֶענֶען אָפְּגֶערִיסֶענֶע בַּטְלָנִים אוּן מִיר פָארְן צוּ אַ חַסִידִ'ישְׁן רֶבִּי'ן".

וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְ'צַעַר'ט, עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן פַאר גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזָאגְט: "דֶער פַּאסְטוּךְ לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען". מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן. אוּן וֶוען זַיין זוּן הרה"ק רֶבִּי אֶלְעָזָר זי"ע הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִינְגֶעלַייט וָואס וָואלְטְן גֶעקֶענְט גָאר שְׁטַארְק שְׁטֵייגְן אִין אִידִישְׁקֵייט, וֶוען זֵיי גֵייעֶן וֶוען צוּ אַ צַדִּיק, נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֵיין וַוייל "ס'פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט". דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַז דֶער "פַּאסְט-דָאךְ" לָאזְט נִישְׁט מָשִׁיחַ'ן קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, פַאר אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק אוּן אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס אַלֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער בְּלַייבְּט עֶר טַאקֶע מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל ווִיסְן דֶעם אֱמֶת וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוּן וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן עֶר זָאל ווִיסְן אַז קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פֶּערְפֶעקְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס וֶועט אִים פִירְן אוּן לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

### וֶוען דַארְף מֶען זִיךְ יָא גְרוֹיס הַאלְטְן?

וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, דַאן דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים-ב יז, ו) "וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'" - וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס. מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען, "הַגַּאֲוָה וְהַגְּדוּלָּה לְחַי עוֹלָמִים", דִי גַאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקֵייט דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער זַיין חַבֵר, עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער אוּן עֶר קֶען בֶּעסֶער פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ עֲבוֹדַת ה' דְרֵייט עֶר אִיבֶּער דִי יוֹצְרוֹת, דַאן וֶוערְט עֶר אַן "עָנָיו", עֶר הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיין, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז צוּ קְלֵיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ פוּן אִים.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ אַיינְצוּרֶעדְן אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד אוּן חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף עֶס בִּכְלַל נִישְׁט.

אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶער נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דַוְקָא וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ יָא הַאלְטְן גְרוֹיס, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, מַאכְט אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס זַיין נָאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט, קוּמְט אוֹיךְ צוּרִיק, אוּן אִיז אוֹיךְ זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן אַ מִצְוָה.

יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל, אַ חֵלֶק פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשְׁלָאפְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דֶערִיבֶּער לִיגְט עֶר אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי חֵשֶׁק אוּן דִי גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן מִצְוֹת.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת ל:) אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען תַּנָּאִים וֶועלְכֶע הָאבְּן

<<<<<<

>>>>>>

זיךְ גֶעפְּרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן תְּפִלִין, אוּן אַנְדֶערֶע תַּנָּאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּרֵיידְט מִיט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת.

וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חָשׁוּב זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּרֵיידְט מִיט דֶעם, עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְּרֵיידְט מִיט זַיין צִיצִית, מִיט זַיין תְּפִלִין, מִיט זַיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, מִיט זַיין הִיטְן שַׁבָּת, מִיט זַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר כַּאפְּט אַרַיין.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ שְׁטִיקְל מֶדְרָשׁ, אוּן אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דַארְף עֶר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט. חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ד.) אוֹיף דִי מִשְׁנָה "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָּם" אַז דִי גַאנְצֶע וועלְט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד קֶעגְן אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, דָאס בַּאדֵייט אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמֶען נִישְׁט צוּ צוּ דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁטִיקְל תּוֹרָה, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאךְ מֶער תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט דֶער אִיד אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְן אַלֶעס אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ פַארְנֶעמֶען נָאר מִיטְ'ן אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער אִיד הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה", בִּפְּשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן יֶעדְנְ'ס מוֹיל, אָבֶּער דֶער וָוארְט "פֶּה" קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַזוֹי וִוי "פֶּע", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס יֶעדֶער שְׁרַייט אוֹיף אִים "פֶּע", אֲפִילוּ אִים הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אוֹיס, אוּן עֶר הֶעלְפְּט אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן, וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, עֶר פִּילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים זִיכֶער לִיבּ, עֶר אִיז זִיכֶער זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע מִצְוָה זַיינֶער אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְהַאלְטְן, פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת, עֶר הָאט נָאךְ פְּלַאץ זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסְערְן, צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ גַּאֲוָה וְחֵלֶק י"ג עֶרֶךְ גַּדְלוּת)

## "מיין לעבן" - מיליאן דאלאר קאמפיין פאר מוסדות ברסלב וויליאמסבורג

די צענדליגע טויזנטער אידן וואס באקומען חיזוק און לעבן פון די הייליגע ברסלבע מוסדות, פון די ישיבה און פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלן האבן דעם געוואלדיגן געלעגענהייט צו קענען העלפן די הייליגע מוסדות, כדי עס זאל ווייטער קענען אנגיין בעזרת ה' יתברך.

די מוסדות הקדושים זענען זיך געלויבט דעם אייבערשטן זייער שטארק צוואוואקסן קע"ה, עס מוז עמוירדזשענסי געשאפן ווערן א פרישער בנין פאר די מוסדות. די איציטיגע בנינים זענען שוין קע"ה לאנג אויסגעוואקסן זייער פלאץ. די מיידלעך זענען דערוויל פלאצירט אין א צייטווייליגע פלאץ, און די הנהלה איז יעצט געצווינגען צו קויפן א פרישע געביידע פאר די מוסדות, וואס דאס וועט אריינציען אין געוואלדיגע גרויסע הוצאות.

דער ציל פון דעם קאמפיין איז אויפצוטרייבן א מיליאן דאלער אין זעכציג שעה. און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען מצליח זיין. די תלמידים, ידידים און אנ"ש נעמען זיך אונטער א "ציל" וויפיל געלט זיי קענען זיך אונטערנעמען צו שאפן פון זייערע קרובים און באקאנטע, יעדער וואס וויל שטעלן פאר זיך א ציל און אזוי אויך אלע וואס ווילן איבערגעבן זייערע קאנטאקטן (אימעילס, און טעלעפאן נומערן פון זייערע באקאנטע) פאר די עסקנים וואס וועלן זיך פארבינדן צו זיי און בעטן אין זייער נאמען זיך צו באשטייערן פאר די הייליגע מוסדות, ווערן געבעטן צו רופן דעם קאמפיין הויפטקווארטיר אויף 718-635-2108, אדער שיקן אן אימעיל צו Breslevmeinleben@gmail.com פאר אנווייזונגען וויאזוי עס צו טון.

בשעת'ן קאמפיין וועט אויפגעשטעלט ווערן א "קאמפיין הויפטקווארטיר", ווי אלע וואס ווילן צוהעלפן אויפהייבן טעלעפאנען און אנרופן נדבנים זאלן רופן אויף אויבנדערמאנטן נומער.

דער קאמפיין וועט אי"ה לויפן קומענדיגע וואך. דינסטאג, מיטוואך, און דאנערשטאג בהעלותך.

**בשם ה' נעשה ונצליח!**

>>>>>>

בַּיי חֲתוּנוֹת זֶענֶען אַלֶע פְרֵיילִיךְ; דִי גֶעסְט זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, חָתָן כַּלָּה זֶענֶען מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ, דִי מְחוּתָּנִים זֶענֶען אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ - אָבֶּער עֶס דְרוּקְט זֵיי דִי חוֹבוֹת. אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען רוּפְן 'הַצָּלָה' בַּיי אַ חֲתוּנָה צוּם מְחוּתָּן וֶוען עֶס הֵייבְּט אִים אָן דְרוּקְן זַיין הַארְץ פוּן דִי חוֹבוֹת אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיין. וֶוען דִי חֲתוּנָה עֶנְדִיגְט זִיךְ גֵייעֶן אַלֶע אַהֵיים, אַלֶע פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, חוּץ דִי מְחוּתָּנִים - זֵיי דַארְפְן נֶעבֶּעךְ בְּלוּטִיגְן פוּן דִי חוֹבוֹת פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט: "וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דֶער וֶועלְט וְכוּ'?" נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן דָאס אַלֶע נָאכְמַאכְן - צִי מֶען וִויל יָא צִי מֶען וִויל נִישְׁט; דֶער עוֹלָם הֵייבְּט אָן צוּ כַּאפְּן וָואס דִי עֲשִׁירִים טוּעֶן נֶעבֶּעךְ מִיטְ'ן הֲמוֹן עַם, וִוי זֵיי טְרִינְקֶען אוֹיס דָאס בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. זֵיי זֶענֶען קְרַאנְק פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה דֶערְפַאר וַוייזְן זֵיי בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלְט, נָאכְדֶעם דַארְפְן אַלֶע זֵיי נָאכְמַאכְן, וֶועט עֶס סֵיי וִוי פְּלַאצְן; עַל כָּל פָּנִים אִיךְ דַארְף זֶען אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן פַאר זִיךְ, מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן מֶען זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שִׂמְחָה, עֶס זָאל זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אָן בָּארְגְן אוּן אָן גַנְבְ'נֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן.

## וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חָתָן מַדְרִיךְ?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ חָתָן ב"ה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ וֶועלְכְן חָתָן מַדְרִיךְ אִיךְ זָאל גֵיין. אִיךְ הֶער אַלְץ וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַז מְ'דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער וִויסְן פָארְאוֹיס וֶוער סְ'אִיז אַ גוּטֶער מַדְרִיךְ? אוֹיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט הֶערְן הַדְרָכוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס אִיבֶּער דֶעם.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען צוּ פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס חוּמְרוֹת מִיט פְּרִישׁוּת וָואס אִיז קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער וִוי חֲסִידִים וְכוּ' וֶוען בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי פְּשׁוּטֶע מְנוּוָלִים, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין חָתָן מַדְרִיךְ וִוי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּ זֵיי.

בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָתָן מַדְרִיךְ; אַ חָתָן דַארְף לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קצ"ה, קצ"ו אוּן אַבִּיסְל סִימָן קפ"ט צוּ קֶענֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן אַבִּיסְל צוּגְרֵייטְן וְכוּ', אָבֶּער דָאס וָואס מֶען מַאכְט שִׁיעוּרִים וְכוּ' אִיז נָאךְ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס צִיעֶן גֶעלְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן [אַזוֹי וִוי מֶען טוּט מִיט בַּר מִצְוָה בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַ פְּשֶׁעטְל; וִוי לַאנְג נֶעמְט אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אַפָּאר שׁוּרוֹת פוּן אַ פְּשֶׁעטְל? מֶערְסְטְנְס אַ שָׁעָה צְוֵוי, אָבֶּער אוֹיף דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, מַאכְט מֶען אַ שְׁפִּיל מִיטְ'ן קִינְד עֶר זָאל קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַלֶעס וֶועדְלִיג דָאס גֶעלְט].

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ פַאלְשֶׁער חָתָן מַדְרִיךְ אוּן אַ פַאלְשֶׁער שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער אִיז אַז עֶר בֶּעט גֶעלְט אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין גֶעלְט; פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, וַוייל עֶר מֵיינְט נִישְׁט דַיין טוֹבָה עֶר מֵיינְט בְּלוֹיז זַיין גֶעלְט; עֶר וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַרוֹיס צוּ צִיעֶן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט פוּן דִיר, וִוי לַאנְג עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן פוּן וֶועמֶען צוּ מֶעלְקְן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן צוּ לֶערְנֶען פַאר דִי חֲתוּנָה וְכוּ'.

אַז דוּ וִוילְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל: "זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט"; מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֵיין אוֹיבּ מֶען פִירְט נִישְׁט אוֹיס אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרוֹיס אוֹיבּ מֶען פִירְט יָא אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ "זוּךְ צוּ זַיין קְלוּג", - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, אֲפִילוּ אוֹיבּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר; גֶעבּ אַ קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַב חִיָּיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלָהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר, הָאט רַב גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר אֵייבִּיג אַהֵיים גוּטֶע זַאכְן זִי אִיז דַאךְ דִיר מְצַעֵר?! הָאט אִים רַב חִיָּיא גֶעזָאגְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.**




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

BreslevCenter.com\answers

### מ'קען חתונה מאכן אן

# חתונה מאכן קאסט פאר'ן צד החתן

## הכל בכל מכל כל כן יברך אותנו

**די חתונה די וואך דינסטאג אין ישיבה, האט געהאט גאר א גרויסן אפקלאנג ביים היימישן ציבור, זעענדיג דעם נאה דורש ונאה מקיים, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געפירט זיין בכור אונטער די חופה מיט גרויס שמחה און פרייד, און די פרייליכע לעבעדיגע געשמאקע חתונה נאכט, האט נישט געקאסט קיין פרוטה פאר די מחותנים. די גאנצע חתונה מאכן, פונעם שידוך שליסן ביז נאך די שבע ברכות, האט געקאסט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א א צירקע זיבן טויזנט דאלער, א ציפער וואס רוב אידן קענען זיך ערלויבן מיט דעם רואיג חתונה צו מאכן די קינדער, אן דעם וואס זיי זאלן זיך דארפן אנבארגן און בא'גנב'ען אידישע קינדער, און בלייבן מיט א זאק פון חובות וואס מ'ווייסט נישט פון וואו צו באצאלן.**

**כל השביעין חביבין**

מ'האלט שוין יעצט ביי די זיבעטע חתונה אין היכל הבית המדרש, אלע איינס ביי איינס זענען געווען הערליכע פרייליכע חתונות, עס האט גארנישט געפעלט פאר די חתונות. מיט יעדע חתונה ווערט העכער און העכער אויפגעהויבן די אויגן ברעמען, מענטשן פארשטייען נישט פארוואס עס פעלט אויס צו פארשווענדען אידיש געלט וואס מ'האט נישט, פאר זאכן וואס קיינער דארף נישט, בלויז צו געפעלן פאר מענטשן וואס קוקן עס בכלל נישט ארויף.

קיינער קען נישט איגנארירן די רעוועלוציע און זיך גיין רואיג ווייטער, יעדער האט עפעס צו זאגן אויף דעם, יעדער מוז עפעס אריינרעדן, יעדער ווייסט אז די היינטיגע סטאנדארטן ווי אזוי מען מאכט חתונות - און די זעלבע אויך קלענערע שמחות - האט שוין לאנג אריבערגעשפרייזט אלע גרעניצן, יעדער וויל זען א דראסטישע פארבעסערונג אין דעם ענין, און אט זעט מען א קהלה וואס האט זיך גענומען אין האנט אריין, און אנשטאט זוכן א לעזונג פאר די פראבלעמען, האבן זיי אוועקגענומען דעם פראבלעם אינגאנצן; אנשטאט צו בויען א שפיטאל נעבן דעם צעבראכענעם בריק צו קענען היילן די פארוואונדעטע וואס זענען אראפגעפאלן פון בריק, קרויזן זיי אויס דעם בריק אינגאנצן; אנשטאט אראפצוציפן פון דא און דארט פון די אומדערטרעגליכע הוצאות החתונה, האט מען אהערגעשטעלט א וועג ווי אזוי חתונה צו מאכן אן דעם וואס ס'זאל בכלל פאלן צו לאסט אויף די מחותנים.

דער הייליגער רבי האט דערציילט א מעשה איבער א קעניג וואס איז געווען א שטערן זעער, ער האט געזען אויף די שטערנס אז ווער ס'וועט עסן פון די תבואה וואס וועט וואקסן דעם קומענדיגן יאר, וועט משוגע ווערן דערפון. האט ער גערופן זיין משנה למלך זיך דורכצושמועסן מיט אים דעם פראבלעם, דער משנה למלך האט אבער געהאט א פשוטע עצה אויף דעם, "מיר וועלן באפעלן אז מ'זאל אוועקלייגן פאר אונז גענוג און נאך תבואה פון די פארגאנגענע יאר, און אזוי וועלן מיר בכלל נישט דארפן עסן פון די שעדליכע תבואה וואס מאכט משוגע". דער קעניג איז אבער נישט געווען צופרידן פון דעם געדאנק, "אויב נאר אונז צוויי וועלן בלייבן נארמאל, און די גאנצע וועלט וועט זיין משוגע, וועלן מיר דאך זיין די משוגעים... יעדער וועט אונז אנקוקן אז מיר זענען אזוי אנדערש פון יעדן".

האט דער משנה למלך געפרעגט דעם קעניג וואס ער האלט מ'זאל טון, האט דער קעניג געזאגט אז זיי זאלן אויך עסן אזוי ווי יעדן איינעם, זיי זאלן אויך משוגע ווערן אזוי ווי יעדן איינעם, "נאר מיר ביידע זאלן זיך מאכן א סימן אויפ'ן שטערן כאטש צו געדענקען אז מיר זענען משוגע... ווען איך וועל קוקן אויף דיין שטערן און דו וועסט קוקן אויף מיין שטערן, וועלן מיר זיך דערמאנען אז מיר זענען נעבעך נישט נארמאל"...

דער רבי האט נישט אויסגעפירט דעם נמשל צו די דעם משל, אבער זיך אומקוקנדיג אויף די היינטיגע וועג ווי אזוי אידישע שמחות ווערן געפראוועט, אן קיין שום שייכות צו נארמאלקייט, מענטשן גייען ממש אראפ פון זינען און מאכן טייערע שמחות פיל העכער און מער פון זייערע מעגליכקייטן, נאר בלויז ווייל די גאנצע "נארמאלע" וועלט טוט אזוי, בלויז ווייל וואס וועט "יענער" זאגן אויף דעם, לאזט זיך גלויבן אז ס'איז שוין העכסט צייט אז מיר זאלן זיך ארויפקריצן א מערקבארן סימן אויפ'ן שטערן, כאטש צו געדענקען ווי משוגע מיר זענען אז מיר לעבן בלויז פאר יענעם.

| שידוך שליסן | | |
|---|---|---|
| שדכן | $500 | |
| ציגרעטלעך, צוקערלעך | | די חברים האבן זיך מיטגעפריידט אויך אן דעם |
| לחיים | | א טאץ היימישע קעיק מיט סעלצער |
| חתן בילדער אלבום | $7 | שיינע אלבום מיט בילדער |
| תנאים - זאל, סעודה, בלומען, תנאים קעיק, קליידער, הער, וכו' | | תנאים/טעלער ברעכן איז געווען ביים קבלת פנים |
| סך הכל | $507 | |

| מתנות | | |
|---|---|---|
| ברעיסלעט, רינגל, קייטל, אויערינגלעך, זייגער | $813 | זעט אויס ממש ווי עכט |
| סידור תהלים מיט די נאמען | $75 | פשוטע שיינע, עכטע דעקלעך אן לעדער |
| מחזורים | | זיי האבן שוין געהאט |
| טיכל | $129 | |
| שירצל | $139 | |
| קידושין רינגל | $100 | |
| פין | | |
| פאקעט בוק | | |
| מתנות פאר ימים טובים | | ימים טובים האט מען געשיקט איינע פון די אויבערדערמאנטע מתנות |
| משלוח מנות | | היימישע קעיק און קיפעלעך |
| מתנות פאר געשוויסטער | | זיי וועלן באקומען אי"ה ביי זייערע שמחות |
| סך הכל | $1,256 | |

| פארשידנס | | |
|---|---|---|
| שיעורים | | מוהרא"ש זאגט אז א חתן מדריך זאל נישט בעטן קיין געלט |
| ר"ת תפלין | | ער האט שוין פון די בר מצוה |
| טעגליכע שמחה צעטלעך | $55 | די גרינגסטע און פראקטישסטע וועג צו רופן צו די חתונה |
| חתונה בריוולעך | | סתם צוווארפן געלט אין מיסט?! |
| סך הכל | $55 | |

| דירה | | |
|---|---|---|
| רענט | $1,000 | איין צד |
| פורניטשער | | זיי וועלן אי"ה קויפן אין די ריכטיגע צייט |
| אפליינסעס | | פורניטשעד דירה |
| הויז געברויכן/לינען/וכו' | $600 | איין צד |
| סך הכל | $1,600 | |

**בארגן און אן גנב'ען!**

# 7 טויזנט דאלער אלעס אריינגערעכנט

## כולנו יחד בברכה שלימה ונאמר אמן

**כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים**

אמאל האט מען נאך געקענט זאגן אז א אידישע חתונה וואלט געדארפט אויסזען ווי א בר מצוה אדער וואכנאכט, היינט זענען שוין אבער די קלענערע שמחות אזוי אויפגעריסן, אז מ'קען שוין חתונה מאכן פאר א צענטל די פרייז פון די טייערע בר מצוה'ס און קלענערע שמחות.

אידן זענען אנגעווייטאגט, יעדער מחותן וואס האט שוין חתונה געמאכט, יעדער וואס האט שוין צוגעלייגט א האנט און געהאלפן זיין'ס א קרוב חתונה צו מאכן, ווייסט ווי שווער דאס קומט אן, ווייסט וויפיל בלוט דאס קאסט, ווייסט וויפיל חובות דאס לאזט איבער, וויפיל שאדנ'ס עס לאזט איבער אויף יעדן איינעם ארום; אבער אזוי ווי דאס איז דער "נארמאל", איז דאך נישט שייך צו טון אנדערש.

אידן קוקן ארויף און שעצן זייער שטארק אז ס'איז דא א קהלה וואס האט אוועקגעלייגט דעם "נארמאל" אין די זייט, און געוויזן שווארץ אויף ווייס אז מ'קען יא חתונה מאכן די קינדער מיט מנוחת הנפש, מ'דארף אפילו נישט מאכן קיין תקנות, מ'דארף נאר פשוט עפענען די אויגן צום רעאליטעט, אז דער וועג ווי אזוי מ'מאכט היינט חתונה האט נישט קיין זכות קיום. אויב חתונה מאכן מוז קומען מיט'ן חשבון אז מ'מוז פאר דעם בארגן און נישט באצאלן, וועט עס מוזן צעפאלן מארגן אדער איבערמארגן, דאס קען נישט אנהאלטן. אז ס'איז אבער נישטא קיין אנדערע אויסוועג, איז דאך נישטא קיין ברירה, דער אייבערשטער האט אונז דאך באפוילן חתונה צו מאכן די קינדער, און דאס איז די איינציגסטע וועג ווי אזוי דאס אויסצופירן. ווען מ'זעט אבער באשיינפערליך אז ס'איז יא דא א געהעריגע וועג, מ'מוז זיך נישט צעשניידן אויף שטיקער ווען מ'מאכט חתונה א קינד, ווערט דאס גאר שטארק ארויפגעקוקט און געשעצט, די מציאות פאטשט אין פנים און ווייזט אז ס'איז יא מעגליך און מ'קען עס יא באווייזן.

מענטשן זאגן, "כל הכבוד פאר ברסלב אז זיי האבן געקענט דורכברעכן און באווייזן אזא זאך אז מ'זאל קענען גרינג חתונה מאכן די קינדער, תחזקנה ידיכם!", דער אמת איז אבער פארקערט, כל הכבוד פאר איינעם וואס איז גרייט זיך צו צערייסן און צעפליקן, פארלירן דעם הארץ מיט'ן קאפ אינאיינעם צו קענען חתונה מאכן די קינדער; ווידער אז מ'מאכט חתונה מיט א רעאליסטישן בליק, מ'ווייסט און מ'נעמט אין חשבון וואס מ'האט אין טאש און וואס מ'קען זיך ערלויבן, איז דאס דאך פשוט און גראד שכל הישר.

**חנוך לנער על פי דרכו**

לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט אויף דעם טערמין "נארמאל", וואס מיינט נארמאל און וואס מיינט נישט נארמאל? ווי געזאגט פריער איז דאס געוואנדען אין די אומשטענדן ארום און ארום, וואס ביי איינעם איז נארמאל איז ביים צווייטע משוגע, און אזוי אויף פארקערט. ס'ווענדט זיך וואס איז אנגענומען צו טון אין די קרייז, אין די משפחה, אין די געגנט, און אזוי ווייטער אלעס ארום.

"נע, דאס איז נישט מעגליך נאכצומאכן. די ברסלב'ע קהלה האבן א בית המדרש גרייט פאר חתונות, זיי האבן בחורים ארויסצוהעלפן, זיי האבן משפחות וואס לייגן צו א האנט. אבער אנדערע האבן נישט די וועג אין מציאות ווי אזוי דאס צו קענען אהערשטעלן" - דאס איז א געדאנק וואס מ'הערט פון פילע.

און עס איז טאקע דא אן אמת אין דעם, ס'איז טאקע נישט אזוי גרינג דאס נאכצומאכן, דא איז עס צוגעשטעלט אפיציעל מטעם די קהלה, און אלע בני הקהלה מיט די בחורים פון ישיבה און די מיידלעך פון סקול, לייגן צו א האנט אז די חתונות זאלן זיין מיט סוקסעס, און ס'זאל נישט קאסטן קיין געלט. אבער דער יסוד און דער סוד ווי אזוי די קהלה האט זוכה געווען צו זיין די ערשטע דאס צו קענען באווייזן, איז יא א זאך וואס יעדער קען און דארף נאכמאכן.

דער יסוד איז אז די קינדער אליין, די חתן און כלה, דארפן זיין צופרידן און פרייליך אן דעם וואס דער טאטע זאל דארפן בארגן געלט פון די זון און פון די לבנה פאר די חתונה. אויב ביים שידוך-שליסן כאפן זיך די עלטערן ביים קאפ וואס דא גייט פאר און זיי מאכן אפ אז זיי האבן נישט די רעכט על פי תורה און על פי שכל אויסצושווענדען געלט אויף אומנויטיגע זאכן ביי שמחות, קענען זיי דאס אבער נישט טון יעצט צו זייערע קינדער, וואס וועלן שפירן בא'עוול'ט אז זיי זענען אנדערש ווי זייערע חברים און פריינד וואס

| שטאפיר | | |
|---|---|---|
| שטריימל | $1,000 | איין שטריימל איז גענוג |
| דריי גוד וועש | $500 | נישט קיין חתן פעקידש |
| טיש בעקיטשע | $200 | נישט קיין חתן פעקידש |
| רעזשעוואלקע | $280 | נישט קיין חתן פעקידש |
| סטראקעס | $600 | |
| רעקל | $200 | נישט קיין חתן פעקידש |
| 2 הויזנס | $90 | |
| שיך | $120 | ווען ס'וועט ווערן אויסגענוצט וועט מען אי"ה קויפן פרישע |
| הוט | $240 | נישט געקויפט קיין רעגן הוט |
| גלעזער | | נאך געווען גוט די אלטע ב"ה |
| סך הכל | $3,230 | |

| חתונה נאכט | | |
|---|---|---|
| זאל | | אומזיסט אין בית המדרש |
| קעיטערער | | אנשי הקהלה האט יעדער צוגעלייגט א האנט צו קאכן און באקן, אזוי ווי ביי אלע חתונות אין בית המדרש היכל הקודש |
| סארווירער | | יעדער קען נעמען אליין פון די געשמאקע מאכלים אין די זייט |
| שפילער | | הערליכע מוזיק פון א רעקארדירטע חתונה |
| זינגער | | פונעם זעלבן טעיפ |
| בילדער | | אנשי שלומינו |
| בלומען | | פאלשע |
| בדחן | | דער שמש זאגט יעמוד יעמוד |
| כיבוד טיש/קינדער טיש | | אריינגערעכנט אינעם פעקידש |
| כיבוד מצוה טאנץ | | נישטא ווען צו געבן |
| וויין ברוינפן | | די שמחה איז גרויס אויך אן דעם |
| קבלת פנים בדחן | | דער חתן איז שוין געווען אליין אנגעווארעמט |
| באסעס צו די חתונה | | ווער ס'האט געוואלט קומען האט געטראפן א וועג |
| באסעס אהיים | | נאך געווען גענוג צייט נאך די חתונה צו כאפן א באס אהיים |
| כתובה | | דער שמש שטעלט צו |
| משפחה קליידונג | $400 | אלעס הערליך שיין, נישט ברענד נעים |
| משפחה האר | $20 | יעדער האט עס באוואנדערט |
| סך הכל | $420 | |

| ימי המשתה | | |
|---|---|---|
| באווארפן פעקלעך | $4 | צוויי פעקלעך קענדיס |
| קידוש | | היימישע קעיקס און קיפעלעך |
| סעודה | | אזוי ווי יעדן שבת |
| שבע ברכות (חול) | | שיינע נאכטמאל |
| סך הכל | $4 | |

| אלעס אינאיינעם - הכל בכל מכל כל | |
|---|---|
| סך הכל | $7,072 |

באקומען יא די אלע טייערע לוקסוס.

אנדערש איז אבער אין היכל הקודש, וואו דער ראש ישיבה שליט"א רעדט כסדר צו די בחורים פון דעם ענין, ער רייסט אראפ און ער ערקלערט די שעדליכקייט און נארישקייט פון זיך אויפרייסן ביי שמחות, א זאך וואס מ'פארדינט גארנישט דערפון, עס ברענגט נאר חובות און עגמת נפש, און די שיינקייט פון קינדער וואס פארשטייען אז געלט קאסט געלט, און די שיינקייט פון א שמחה וואס מ'מאכט אויף א ביליגן אידישן שטייגער. און פון די אנדערע זייט איז דא די חשובע מנהלת און די לערערינס אין סקול וואס רעדן כסדר צו די מיידלעך איבער דעם, צו מאכן א שמחה מיט שכל און נארמאלקייט, און אז די איבערגעטריבענע אויסברענגערייי ברענגט נישט קיין שום ניצן אין לעבן, און ווי ווייט מ'דארף אכטונג געבן אויף אידיש געלט, נישט אויסצוברענגען דאס געלט פון די עלטערן וואס זיי האבן אפילו נישט.

אזוי אז עס קומט אויס אז נישט נאר וואס די חתנים און כלות קוקן בכלל נישט ארויף די טייערע שמחות, נאר פארקערט, ביי זיי איז גאר א חשיבות ווי מער מ'קען אראפברענגען די סטאנדארטן, עס איז אן אויפטו אויב מ'האט אראפגענומען נאך אן איבריגע הוצאה.

איין ביישפיל איז ווערד צו דערמאנען, א פארמעסט וואס מ'האט געמאכט אין סקול פאר פורים, יעדער האט געדארפט מאכן א שיינע משלוח מנות פאר א חבר'טע, און ווער ס'האט געקענט מאכן די ביליגסטע משלוח מנות, האט געוואונען דעם פארמעסט. אלע מיידלעך האבן זיך אנגעשטרענגט צו מאכן א שיינע משלוח מנות, אויף די ביליגסטע וועג וואס איז נאר שייך. און פארשטייט זיך ווען די מיידלעך ווערן כלות למזל טוב, זוכן זיי נישט ארויסצושלעפן געלט פון די עלטערן צו קענען שיקן א זיבן שטאקיגע משלוח מנות פאר די מחותנ'סטע, און זיי ווערן נישט פרייליך ווען זיי באקומען אזוינס פון די אנדערע זייט.

אז די קינדער ווערן מחונך אויף אזא וועג, אז מ'דארף נישט נאכטאנצן יעדע משוגעת וואס איז איינעם בייגעפאלן צו מאכן ביי א שמחה, אז מ'דארף לעבן מיט'ן רעאליטעט און נישט אויסגעבן מער געלט פון וויפיל מ'קען זיך ערלויבן, אז מ'טאר נישט בארגן געלט ווען מ'ווייסט נישט ווי אזוי מ'וועט עס באצאלן, אז מ'טאר אויס'רודפ'ן טאטע מאמע אז מ'מוז האבן דאס און יענץ אין די צייט ווען ס'פעלט נישט אויס און ס'איז נישטא דאס געלט פאר דעם, אז די שמחה פון חתונה האבן הויבט זיך אן א טאג נאך די שבע ברכות און איז נישט די פאר שעה פון די חתונה נאכט וואס לויפט אריבער ווי אן אויגן בליק, אז איינער וואס לעבט מיט'ן מציאות און נישט אין דמיונות איז ארויפגעקוקט און איז חשוב, אז דאס וואס דער חבר אדער חבר'טע וועט קרימען מיט די נאז מיינט גארנישט; אז מ'וואקסט אויף אזוי, דאן קענען די עלטערן חתונה מאכן די קינדער מיט הרחבת הדעת, די עלטערן זענען פרייליך, די קינדער זענען פרייליך, און מ'האט א חיים טובים.

דאס איז א זאך וואס יעדער קען נאכמאכן. מ'קען נישט ווארטן ביז ווען מ'שליסט שוין שידוך, און דעמאלט אנהויבן צו זאגן פאר חתן כלה אז זיי זאלן נישט פארלאנגען אזויפיל. דעמאלט איז שוין צו שפעט, דעמאלט האט מען שוין פארשפעטיגט די באן, אויב מ'וועט דעמאלט אנהויבן איינצוציען דעם פאסיק, וועלן די קינדער ווערן געפייניגט. טאטע מאמע קענען אבער אנהויבן רעדן צו די קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, יעדעס מאל ווען מ'רעדט פון עפעס א מעכטיגע שמחה קען מען אויסנוצן די געלעגנהייט און אויפקלערן די קינדער איבער די נארישקייט פון אויסברענגען געלט אויף זאכן וואס ברענגט נישט קיין ניצן. יעדעס מאל עס קומט אן אויף די פאסט א חתונה בריוול קען מען פרעגן די קינדער זיי זאלן פרובירן אויפצוקומען מיט א נארמאלן הסבר פארוואס עס פעלט אויס צו שיקן איינלאדענונגען צו א חתונה, אין די צייט וואס ווער עס ווערט געוואויר פון די חתונה נאר דורך דעם בריוול, יענער דארף בכלל נישט קומען צו די חתונה, און ווער עס ווייסט סיי ווי פון די חתונה, פאר אים פעלט דאך נישט אויס דער בריוול, און נאכדערצו אז ביז צום טאג פון די חתונה וועט שוין דאס בריוול סיי ווי זיין רעסייקעלט און דעמאלט לייגט מען דאך שוין אריין אין די טעגליכע שמחה צעטלעך איבער די חתונה.

יעדער וואס האט א מייק אין די האנט, יעדער וואס האט קינדער, בחורים, אדער מיידלעך וואס הערן אים אויס. זאל עס זיין טאטע און מאמע, א מלמד צי א לערערין, א מנהל אדער א מנהלת, א רבי און א ראש ישיבה, א רב און דיין, זאלן זיך מאכן א חשבון וויפיל אידיש געלט זיי קענען שפארן פאר אידישע קינדער, וויפיל הארץ אטאקעס זיי קענען פארמיידן פון אידישע קינדער, וויפיל צער יגון ואנחה זיי קענען צוריק האלטן פון אידישע קינדער וויפיל שמחה און נחת זיי קענען אריינברענגען אין אידישע הערצער, אן דעם וואס זיי זאלן דארפן ארויסנעמען אפילו איין פרוטה פון טאש, נאר בלויז מיט'ן רעדן צו די קינדער וואס עס מיינט א אידישע שמחה, ערקלערן אז די איבריגע לוקסעס מאכט נישט פרייליך, עס העלפט גארנישט אין לעבן, און ווי שיין און ריכטיג עס איז צו שפארן אידיש געלט ווען עס קומט צו שמחות.

חינוך הויבט זיך אן ביי זיך אליין, ווען עלטערן פירן זיך מיט שכל און ווי עס דארף צו זיין, וועלן די קינדער דאס נאכמאכן. ווען די קינדער זעען אז ווען די עלטערן מאכן א שמחה פאר זיך, א קידוש, א וואכנאכט, זוכן זיי נישט אויסצוגעבן ווי מער געלט אז אלעס זאל קלאפן אויפ'ן העכסטן פארנעם, אז די גאנצע שטאט זאל זיך טאקע איינרעדן אז זיי זענען באלעבאטישע אידן, ווען די קינדער וועלן זען אז דער פעקל ביים אפשערן מוזן נישט אזוי טיפ-טאפ אז יעדע שכנ'טע זאל עס באוואונדערן, דאן וועלן זיי אויך נישט פארלאנגען אז זייער בר מצוה און חתונה זאל זיין אזוי מעכטיג. אבער אז די עלטערן בארגן זיך שוין אן ביים וואך נאכט און ברית, וועט עס שוין אויך אזוי מיטגיין לתורה ולחופה.

און אפילו די עלטערן וואס האבן נאכנישט די קוראזש צו קענען מאכן א שמחה ווי א לאגישער מענטש, זיי האלטן נאכנישט אויף די מדריגה צו קענען קוקן דעם מציאות, צו קענען חתונה מאכן נאר לויט וויפיל זייער טאש ערלויבט; קענען זיי אבער טון כאטש דאס מינימאלסטע, ווען עס קומען קלוגע אידן און מאכן יא חתונה אויף א נארמאלן שטייגער, זיי חובות'ן זיך נישט אן ביים חתונה מאכן, געבן נישט אויס געלט פאר נוצלאזע נארישקייטן, זאל מען כאטש נישט חוזק מאכן פון דעם, זאל מען דאס נישט אוועקמאכן אין די אויגן פון די קינדער, זאל מען כאטש קרעכצן, "איך קען עס טאקע נישט נאכמאכן, אבער כל הכבוד פאר די פארשטענדליכע אידן וואס קענען עס יא באווייזן". און אזוי וועט זיי דאס נישט צוריק פאטשן אין פנים ווען ס'וועט קומען אמאל א טאג ווען זיי וועלן מוזן אביסל איינציען דאס פזר'ענען, און די קינדער וועלן נישט וועלן הערן דערפון.

**בואו ונחשוב חשבונו של עולם**

ס'געווען אמאל א איד וואס האט געליטן אויף די אויגן לא עלינו, ער האט געמאכט א מחלה וואס האט אים געשטערט דאס זען רחמנא ליצלן. איין טאג איז ער געוואויר געווארן פון א גרויסן אויגן דאקטער וואס קען אים אויסהיילן זיין פראבלעם, ער איז געפארן צום דאקטער וואס האט זיך אפגעגעבן מיט אים, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט אים דער דאקטער גענצליך אויסגעהיילט, און ער האט אנגעהויבן זען אויף די אויגן כאחד האדם.

פארשטייט זיך אז צו זיין פרייד איז נישט געווען קיין גרעניץ, ער איז געווען גאר דאנקבאר צום דאקטער, און איז אהיימגעקומען מיט איין שמחה און דערציילט די פרייליכע בשורה אז ער קען שוין זען, דער דאקטער האט אים געמאכט זען. האט אים איין חכם אנגעהויבן אויספרעגן איבער דעם דאקטער, "וואס האט דער דאקטער דיר געמאכט זען? ער האט דיר געמאכט זען א הויז, א טיש, א בענקל, מענטשן, גאסן?", דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער פארשוין וויל פון אים, "וואס הייסט וואס ער האט מיר געמאכט זען?! איך קען דען אויסרעכענען יעדע זאך וואס איך האב שוין געזען זינט ער האט מיר אויסגעהיילט?! און איך ווייס דען וואס נאך איך גיי אלץ זען פון יעצט און ווייטער מיין גאנץ לעבן?! איך קען נאר אזויפיל זאגן אז ער האט מיר געעפנט די אויגן און איך קען שוין זען".

מענטשן האבן ליב צו זען חשבונות אויפ'ן פאפיר, וויפיל האט דאס געקאסט און וויפיל האט יענץ געקאסט, און אפשר האט מען פארגעסן אויסצורעכענען נאך זייטיגע הוצאות. ס'שווער אויסצורעכענען יעדן דעטאל וויפיל ס'האט געקאסט ביים חתונה מאכן, און אויך איז שווער צו מאכן א ליסטע וויפיל א חתונה דארפן קאסטן פאר יעדן איינעם, ווייל יעדע פאמיליע האט אנדערע זאכן וואס איז וויכטיג פאר זיי, קיינער איז נישט אייניג. דאס איז אבער יא א דבר השווה לכל נפש, אז מ'דארף זיך עפענען די אויגן, און זען וויפיל אידיש געלט עס ווערט געווארפן אין מיסט ביי יעדע שמחה, און אין וויפיל חובות מ'פאלט אריין ביי יעדע חתונה פון א קינד, און יעדער דארף זען לויט זיין מצב וויפיל ער קען זיך ערלויבן, וויפיל ער דארף זיך ערלויבן. און גוט געדענקען אז די גאנצע שמחה לויפט אדורך כהרף עין, א טאג נאכדעם האט שוין יעדער פארגעסן דערפון, דאס לעבן גייט ווייטער אן, און וואס עס בלייבט יא איבער איז נאר די חובות מיט וואס מ'דארף זיך ספראווען. און דער עיקר וואס בלייבט איז די נחת וואס מ'האט פון די קינדער, ווען מ'זעט ווי דאס נייע פאר-פאלק איז זוכה אויפצושטעלן א שיינע אידישע שטוב, און דאס קען מען נישט קויפן פאר קיין געלט אויף דער וועלט, דאס קען מען נאר ערגייכן מיט א גוטן חינוך און מיט אסאך תפלות צום אייבערשטן.

אזוי ווי עס גייט אבער אין לעבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז מ'זאל אנהויבן חתונה מאכן די קינדער פאר ביליג, איינע פון די סיבות פארוואס מ'האלט זיך צוריק פון א שידוך מיט די קינדער איז פשוט ווייל מ'האט נישט דאס געלט פאר דעם, האט דער ראש ישיבה שליט"א פרובירט אראפצושרייבן פונקטליך וויפיל ס'האט אים געקאסט די גאנצע חתונה כדי אנדערע מענטשן זאלן זיך אויך קענען אפלערנען דערפון, און עס קענען נאכמאכן אויף זייער אופן.

די חתונות אין ישיבה האלט יעדער מיט, מ'זעט מיט די אויגן ווי די חתונה נאכט קאסט נישט קיין איין פרוטה, מענטשן ווילן אבער וויסן וואס עס טוט זיך מיט די איבריגע זייטיגע הוצאות, וויפיל מ'שפארט זיך איין דארט. דעריבער איז כדאי צו כאפן א בליק אויף די דעטאלירטע ליסטע [בייגעלייגט דא אינעם גליון] וויפיל עס האט געקאסט די גאנצע הוצאות החתונה, פון אנהויב ביז'ן סוף, פאר'ן צד החתן דער ראש ישיבה שליט"א, און זען ווי אזוי א אידישע חתונה דארף בכלל נישט קאסטן קיין סאך געלט.

אנגעהויבן ביים שידוך פונעם ברעסלעט, אלע דזשולערי זענען געווען די ביליגסטע וואס מעגליך, ביי די חתונה האט אלע צירונגען פאר די כלה געקאסט אלעס אינאיינעם ווייניגער פון טויזנט דאלער. דער אמת ווייסט דאך יעדער אז א געווענליכער מענטש קען נישט דערקענען א חילוק צווישן עכטע און פאלשע שטיינדלעך, דער איינציגסטער חילוק איז אז אויב ח"ו וועט די רוימערקע גנב'ענען די צירונגען וועט זי נישט קענען קויפן דערמיט א נייע הויז אין פוילן... מען זאגט א ווערטל אז צום סוף קומט אלעס צוריק צו אידן, ווייל ווען זי בויעט איר הויז אין פוילן וועלן דאך אידן עס אפדינגען איינצושטיין דארט נעבן די קברי צדיקים... פאקטיש איז דאס אבער א גרויסע הארץ ווייטאג. אז מען האט אבער נישט די טייערע צירונגען איז עס נאר א מעלה, מען וועט עס גרינגער אראפשלינגען און גרינגער קויפן נייע. און נאך א מעלה אז אזוי ווי די סטיילס טוישן זיך דאך יעדע פאר יאר, וועט מען זיך קענען רואיג קויפן פרישע צירונגען יעדע עטליכע יאר, לויט די לעצטע מאדע...

קיין תנאים האט מען נישט געמאכט, די תנאים און טעלער ברעכן איז פארגעקומען ברוב פאר והדר ביים קבלת פנים ביי די חתונה. ווען עס קומט צו שטאפיר איז אויך דא א געניטער וועג ווי אזוי די סוחרים מאכן געלט, עס איז דא א חתן פעקעדזש און א כלה פעקעדזש, יעדעס געשעפט שטעלט צו אזעלכע פעקעדזשעס וואס די איינציגסטע מעלה דערפון איז אז די סוחרים מאכן ב"ה שיין פרנסה. פארוואס זאל א חתן זיך אנקויפן מיט א גאנצע רייע פון רעקלעך, בעקיטשעס, הוטן, און אזוי ווייטער? קודם איז אים נאך זייער גוט די וואס ער האט גענוצט ביז יעצט, און אפילו ווען מען קויפט יא א נייע, איז דאך גענוג איינס אויך, פארוואס פעלט אויס דריי פון יעדע? פארוואס ווען מען קויפט איין די כלים פאר די נייע הויז, דארף מען שוין יעצט קויפן אלעס וואס מען גייט אפשר נוצן אין עטליכע יאר ארום ביים צוגרייטן די מעלאנע פאר די אפשערן פונעם בכור? פארוואס זאל מען נישט קויפן בלויז די נויטיגע זאכן, און מיט די יארן, ווען ס'וועט

זיך אויספעלן, וועט מען צוקויפן אלעס וואס מען דארף. אפשר זאל מען שוין ביים ברית קויפן פאר'ן רך הנימול א וואש מאשין, וואס ער וועט זיכער דארפן האבן יארן שפעטער ווען ער וועט שוין האבן וועש צו וואשן?...

פארוואס זאל א מאמע דארפן איינקויפן א גאנצע שאפע מיט קליידער און שיך פאר די כלה? אין עטליכע יאר ארום וועט דאך די מאס פון די קלייד איר שוין נישט פאסן, און די סטיילס וועלן זיך זיכער טוישן, זאל מען קויפן וויפיל מען דארף פאר יעצט, און די מאמע זאל זאגן פאר די כלה אז אין א יאר ארום, ווען זי וועט זען אז עס פעלט אויס נאך א קלייד, וועט מען איר דעמאלט קויפן. פארוואס דארף מען אלעס קויפן אויף איינמאל אז די עלטערן זאלן דארפן כאפן אן הארץ אטאקע רח"ל?

פארוואס דארף דער חתן באקומען א טויזנט דאלערדיגע מנורה אויף חנוכה, א זילבערנע אתרוג פושקע, א מגילה מיט א מגילה האלטער, און אזוי ווייטער און ווייטער. פארוואס אלס בחור איז אים גוט געווען א פשוטע מנורה פאר צען דאלער? פארוואס קען ער דאס נישט נוצן ווייטער נאך די חתונה? אויב די זאך איז פשוט אלס זה קלי ואנוהו, וואלט מען געדארפט קויפן פאר יעדן בר מצוה בחור א טויזנט דאלערדיגע מנורה, די הידור מצוה הויבט זיך נישט אן נאך די חתונה. פארוואס זאל מען נישט צוואווארטן ביז דער אינגערמאן האט שוין קינדער און זיי וואקסן אונטער, זאל דער טאטע דעמאלט קויפן פאר זיך א טייערע מנורה, צו ווייזן פאר די קינדער וואס מיינט הידור מצוה. און דעמאלט קען ער שוין טון אפילו אזוי ווי דער הייליגער דברי חיים זי"ע וואס האט יעדעס יאר געדארפט קויפן א פרישע מנורה, ווייל ער האט אוועקגעגעבן די פאריעריגע פאר א איד א נצרך.

און וואס איז מיט גרויסע געלטער וואס מ'צאלט היינט פאר די חתן און כלה שיעורים, א זאך וואס איז קיינמאל נישט געווען. מ'לערנט אויס מיט וועלכע פוס מ'דארף אנהויבן טאנצן, ווען מ'דארף אפשאקלען די ברעקלעך, און אזוי ווייטער אזעלכע נארישקייטן וואס פעלט בכלל נישט אויס, נאר אז ער זאל מאכן שיין פרנסה. אמת טאקע אז די חתן כלה דארפן לערנען הלכות, זיי דארפן וויסן ווי אזוי אויפצושטעלן א אידישע שטוב לויט ווי דער אייבערשטער פארלאנגט, אבער דאס איז די ארבעט פונ'ם ראש ישיבה פונעם בחור אים דאס אויסצולערנען, און די לערערין פון די כלה דאס אויסצולערנען, און דאס דארף נישט נעמען אזוי לאנג, און ס'דארף נישט קאסטן אזויפיל געלט. אזוי ווי ביי די יעצטיגע חתונה ווען דער בחור האט געלערנט ביי זיין ראש ישיבה, און די כלה האט געלערנט ביי איר מנהלת, און די שיעורים האט נישט געקאסט קיין איין פרוטה.

פארוואס דארפן די מחותנים צושטעלן באסעס צו קומען און אהיימגיין פון די שמחה? ווער ס'וויל זיך מיטפרייען, קען טרעפן א וועג צו קומען, און ווער ס'קען נישט טרעפן קיין וועג צו קומען, איז פאר אים ווארשיינליך גענוג זיך מיטצופרייען פון דערווייטנס. איין פראבלעם איז דא, ווען מ'ענדיגט די חתונה זייער שפעט אין די נאכט אריין, און דעמאלט קען מען שוין נישט טרעפן א וועג אהיים - אפילו פאר געלט - צו א צווייטע שטאט. ווען די חתונה ענדיגט זיך אבער א פערטל צו עלף, קען מען נאך רואיג טרעפן א וועג אהיים נאך די חתונה, און זיכער נאכ'ן טאנצן.

פארוואס זאל מען קויפן פורניטשער פאר א יונגע קאפל? זיי וועלן זיך עס אפילו נישט אויס, און ווייסן נאכנישט וואס זיי ווילן. זאלן זיי חתונה האבן אין א פורניטשעד דירה, און ווען זיי וועלן זיך שוין אביסל באקענען, וועלן זיי אליין גיין איינקויפן לויט זייער געשמאק. פארוואס ברענט עס צו האבן אלע טייערע פורניטשער די ערשטע מינוט?

פארוואס דארף מען מאכן א טייערע באווארפן? טייערע פעקלעך, א טייערע קידוש, א טייערע סעודה צו וואס עס געלאנדעט אלע קרובים און באקאנטע; מען קען עסן א געהעריגע שבת'דיגע סעודה ווי געווענליך, און דער מחותן קומט ארויף נאך די סעודה טרינקען א גלעזל סעלצער און וואונטשן לחיים. ביים קידוש איז פונקט גוט אביסל מזונות און טרינקען, העכסטנס וועט זיין וויינעגער מענטשן וואס וועלן דאס בארעדן אז דער מחותן האט זיך נעבעך אויפגעריסן מיט א מעכטיגע קידוש.

פארוואס דארפן די שבע ברכות'ן קאסטן אזויפיל געלט? מ'שלעפט זיך יעדע נאכט צו א צווייטע זאל, און קיינער האט נישט קיין געשמאק און הנאה דערפון. פארוואס זאל נישט יעדע נאכט איינער פון די משפחה מאכן א שיינע נאכטמאל, און לאדענען די חתן כלה צו קומען אויף נאכטמאל. און די זעלבע איז מיט די שבת שבע ברכות וואס די שענסטע זאך איז ווען מ'מאכט א שיינע שבת'דיגע סעודה פאר די נאנטע קרובי המשפחה, און יעדער איז העכסט פרייליך און צופרידן.

און די ליסטע גייט ווייטער און ווייטער, עס איז ממש נישט מעגליך אויסצורעכענען אלע דעטאלן וויפיל איבריגע הוצאות מענטשן קענען זיך שאפן פון אונטער דער ערד. דער וואס איז אבער קלוג פאר זיך, ער קוקט נישט וואס יענער זאגט, נאר טראכט מיט די אייגענע שכל וואס עס פעלט טאקע אויס און וואס נישט, דער קען זיך איינשפארן אזויפיל הוצאות ביים חתונה מאכן, און ער וועט קענען צוגיין צו די שמחה מיט אן אמת'ע צופרידנקייט און פרייד.

**יעמוד יעמוד יעמוד**

ווי אזוי דער מצוה טאנץ האט זיך דערקייקלט צו דאס אויסזען וואס ס'האט היינט צו טאגס על אדמת אמעריקע, איז שווער צו וויסן. אבער מאמענטאל איז די אנגענומענע געשטאלט פונעם מצוה טאנץ עפעס א מאדנע זאך וואס קיינער אין זאל ווייסט נישט פונקטליך וואס דארף צו באדייטן.

דער בדחן הויבט אן מיט'ן אויסרימען ווי שיין די חתונה איז געווען - א זאך וואס ער האט בכלל נישט מיטגעהאלטן. דערנאך גייט עס ווייטער מיט'ן מספיד זיין די זיידעס און באבעס - וועמען ער האט קעגן געלערנט נישט לאנג פריער. און נאכדעם צו די פעטערס וועמען ער האט קוים זייערע נעמען באוויזן אפצושרייבן עטליכע מינוט צוריק.

דער עולם איז שוין צו מיד צווייע ביינאכט צו קענען אריינטראכטן מיט א קלארן מח, און פארשטיין דער מצב וואס הערשט אין זאל. שטייט א בדחן און גראמט, קיינער הערט אים נישט אויס, קיינער איז באמת נישט אינטערעסירט צו וויסן וואס ער האט צו דערציילן. געוויסע זיצן און שמועסן, אנדערע זענען מער בעלי דרך ארץ און ווילן נישט פארשעמען דעם בדחן וועלן זיי נישט רעדן הויך נאר זיצן שטיל און דרימלען. אלע האבן איין ציל זיך צו טרעפן ווי פריער אינדערהיים, און אראפלייגן די קינדער שלאפן.

דאס האט נישט קיין שום שייכות מיט'ן מנהג ישראל צו מאכן א מצוה טאנץ, צו מקיים זיין דעם כיצד מרקדין לפני הכלה. די געשמאקסטע זאך פאר יעדן איינעם וואלט געווען ווען מ'טוט ווען ווי מ'טוט ביי די חתונות אין בית המדרש, דער שמש שטעלט זיך אויף און מאכט א שיינעם "יעמוד יעמוד יעמוד" פאר די זיידעס, מחותנים, און די חתן כלה. און דאס נעמט נישט מער ווי צווישן צוואנציג מינוט און א האלבע שעה.

דאס זעט מען יעדעס מאל פון פריש ביי די חתונות אין ישיבה, ווען די משפחה זעצט זיך אוועק צום מצוה טאנץ, און נאך א האלבע מינוט דארפן זיי זיך שוין אויפשטעלן מיטטאנצן מיט'ן זיידן, ווי עס שפרייט זיך אויס א ברייטן שמייכל אויף יעדנ'ס געזיכט, ווען זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן יעצט דארפן אויסהערן דעם בדחן פאר כאטש א האלבע שעה, ביז ווען מ'וועט שוין ענדליך זען דעם ערשטן מצוה טאנץ.

די מחותנים האבן זיך שוין געשפארט גאר אסאך ביז'ן אנקומען צום מצוה טאנץ, אבער די ארומיגע משפחה איז דעמאלט די צייט ווען זיי שפירן עס דאס מערסטע אויף די אייגענע הויט.

**סך הכל**

די באריכט ווי אזוי די יעצטיגע חתונה איז צוגעגאנגען אין ישיבה, קענט איר ליינען דא אינעם גליון ביי די נייעס אפטיילונג; אבער די שמחה און געשמאק וואס האט זיך געשפירט אין זאל בשעת די חתונה, דאס איז נישט מעגליך צו באשרייבן, דאס קען מען נישט איבערגעבן פאר איינעם וואס האט דאס נישט געשפירט און געזען מיט די אייגענע אויגן.

א פשוטע חתונה אין א בית המדרש, האט געהאט אלע טעמים אין די וועלט. אלע באטייליגטע, אלע משפחה מיטגלידער פון ביידע זייטן, די פילע רבנים און דיינים וואס האבן אנטייל גענומען, אלע אנשי שלומינו, די פילע אידן וואס זענען געקומען וואונטשן מזל טוב, און אפילו די פילצאליגע מענטשן וואס האבן בלויז געוואלט אריינשטעקן דעם קאפ צו זען ווי אזוי אזא סארט חתונה זעט אויס; האבן זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן ווי אזוי אזא ביליגע און פשוטע חתונה, איז פיל מער פריילין און געשמאק פון די גאר טייערע חתונות, וואו מ'האט פארשוועדעט אזויפיל אידיש געלט פאר אומזיסט, וואו בלויז די בלומען האט דארט געקאסט פיל מער ווי די גאנצע חתונה אין בית המדרש.

אזא שטילע חתונה, שרייט מיט אזעלכע הויכע אומבאנומענע קולות. עס שרייט אריין אין די אויערן פון יעדן מחותן, אין די אויערן פון יעדן רעכט דענקיגן מענטש, אז ס'איז שוין צייט אפצולאזן די הויכע סטאנדארטן פון חתונה מאכן, וואס מ'קען שוין נישט אויסהאלטן.

חז"ל דערציילן אז אין די צייט פון שמעון בן שטח זענען ארויפגעקומען קיין ירושלים 300 נזירים, און זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו ברענגען זייערע קרבנות, האט שמעון בן שטח געזוכט און געטראפן א פתח חרטה פאר 150 פון זיי, אז זיי זאלן פטור ווערן פון ברענגען די קרבנות, און פאר די אנדערע העלפט האט ער נישט געהאט קיין עצה.

האט ער געשיקט בעטן פון זיין שוואגער ינאי המלך אז אזוי ווי עס איז דא 300 נזירים וואס דארפן ברענגען יעדער פון זיי דריי קרבנות, זאל ינאי המלך געבן האלב, און ער וועט געבן די איבריגע האלב. און ינאי המלך האט זיך טאקע צוגעשטעלט און אויסגעצאלט האלב פון די נזירים.

שפעטער, ווען ער איז געוואויר געווארן אז שמעון בן שטח האט אים אויסגענארט, ער האט נישט געצאלט פאר די אנדערע האלב נאר געטראפן פאר זיי א פתח חרטה, איז ער געווארן זייער ברוגז אויף אים, און דאן איז שמעון בן שטח אנטלאפן.

ווען ער איז שפעטער צוריק געקומען, האט אים ינאי המלך געפרעגט פארוואס ער האט חוזק געמאכט פון אים, האט שמעון בן שטח געענטפערט: "איך האב בכלל נישט חוזק געמאכט פון דיר. דו האסט געהאלפן די נזירים מיט דיין געלט, און איך האב זיי געהאלפן מיט מיין חכמה".

עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי צו העלפן אידן חתונה מאכן די קינדער. מען קען זיי העלפן מיט געלט, און מען קען זיי העלפן מיט חכמה און שכל. מען קען אריינברענגען דעם פשוטן שכל אין מענטשן אז מען דארף נישט קוקן אויף א צווייטן נאר אויף זיך אליין, אז מען דארף נישט אויסגעבן קיין געלט אויף לופטיגע זאכן וואס מען האט נאכדעם גארנישט דערפון.

רבותי! ס'איז צייט אויפצושטיין פון שלאף! דאס זייפן-בלעזל האט שוין לאנג געפלאצט, מיר דארפן אנהויבן טראכטן פאר זיך אליין אז דאס איז נישט דער וועג ווייטער אזוי צו גיין! די נשמה דארף נישט ארויספליען יעדעס מאל מען מאכט חתונה! מען זאגט א ווערטל אז די נשמות פון די זיידעס קומען אראפ צו א חתונה ווייל זיי זעען ווי די נשמות פון די מחותנים פליען ארויס, קומען זיי זיי אנטקעגן מקבל פנים צו זיין... לאמיר אויפהערן צו קוקן אויף סטאנדארטן, לאמיר אנהויבן קוקן אויף זיך, לאמיר מאכן א ווינט, אן אטמאספער, אז מען קען חתונה מאכן ווי אזוי מען וויל, עס זאל זיין א נארמאלע זאך אז מען קען חתונה מאכן אויפ'ן ביליגסטן אופן, אן דארפן מורא האבן אז יענער וועט לאכן.

זאל דער רבונו של עולם שוין רחמנות האבן אויף אידישע קינדער, זאל ער שוין אראפשיקן א רוח ממרום אין די הערצער פון אידישע קינדער אז מען זאל נישט דארפן נאכמאכן א צווייטן. די גאנצע זאך אז עס איז דא א געוויסער סארט סטאנדארט וואס אזוי דארף מען חתונה מאכן, זאל שוין בטל ווערן. מען זאל נישט דארפן נאכמאכן דעם עושר'ס חתונה, יעדער זאל לעבן נאר פאר זיך, חתונה מאכן די קינדער נאר ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו נאר שמחה און נחת פון קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## אויסטערלישע שמחה ווען דער ראש ישיבה שליט"א מאכט חתונה אין בית המדרש

דעם דינסטאג איז ברוך ה׳ פארגעקומען די זיבעטע פרייליכע חתונה אין בית המדרש, און אזוי ווי אלעמאל האט עס נישט געקאסט קיין פרוטה פאר די מחותנים, דער בית המדרש איז געווען צוגעשטעלט אומזיסט, די מוזיק איז געווען א טעיפ פון א חתונה, די פרויען פון אנ"ש האבן צוגעשטעלט דאס עסן, און עס האט ברוך ה׳ גארנישט געפעלט פון די חתונה, עס האט געהאט אן אמת׳ע אידישע טעם.

עס איז געגאנגען אונטער די חופה החתן שלמה, דער עלטסטער זון פון ראש ישיבה שליט"א, עב"ג הכלה בת הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב עצי תמרים קרית יואל.

סיי די חתן און סיי די כלה זענען תלמידים פון די הייליגע מוסדות היכל הקודש ברסלב, און וויסן אז "חתונה" הייבט זיך אן א טאג נאך שבע ברכות, און האבן קוים געקענטווארטן אויפצושטעלן צוזאמען זייער נייעם שטוב על דרך ישראל סבא, און עס האט זיי בכלל נישט געצויגן צו פארשווענדן אידיש געלט אויף זאכן וואס קיינער דארף נישט, ווי אויף רייכע מתנות, טייערע מעבל, עכטע שטיינער אין די צירינג, אן עלעגאנטער זאל, קעיטערער, מוזיק, בדחן, א.א.וו. פאר זיי איז געווען מער ווי גענוג דאס אליינס אז דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן אז זיי האבן געטראפן זייער שידוך, און גייען ב"ה אויפשטעלן זייער אייגענער שטוב. און פאר די חתונה? וואס איז שלעכט מיט פשוטע מתנות, א פוירנישד דירה, עכטע צירונג מיט פאלשע שטיינער, א חתונה אין בית המדרש, אביסל חלה און קוגל צום סעודה, און "יעמוד יעמוד" פאר מצוה טאנץ.

תנאים און קבלת פנים - אום 5:00 זענען די מחותנים און חתן כלה אנגעקומען צום קבלת פנים, וואו מען האט שוין אויך פארגעליינט דעם תנאים. הר"ר מאיר יוסף טייטלבוים שליט"א, זיידע פון די כלה, איז מכובד געווארן מיט ליינען דעם תנאים.

חופה - אום 6:00 איז מען געגאנגען צו די חופה, עס האט געהערשט א גרויס התעוררות ביים חופה, מען האט געזונגען ווארימע ניגונים, און ווער עס האט געקוקט האט געקענט זען ווי יעדנ׳ס ליפן האבן זיך געשאקלט, ווען דער ציבור האט אויסגענוצט די געלעגענהייט זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

מיט סידור קידושין איז מכובד געווארן דער עלטער זיידע פונעם חתן כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א. הרה"צ רב הצעיר קארלסבורג שליט"א זיידע פון חתן איז מכובד געווארן מיט כתובה ליינען, הר"ר מאיר יוסף טייטלבוים שליט"א און הר"ר יושע שמאיע שליט"א זיידעס פון די כלה זענען מכובד געווארן מיט א ברכה, הרה"צ ר׳ מרדכי אהרן מייזליש שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מווייטצען זצ"ל זיידע פון חתן איז מכובד געווארן מיט א ברכה. נאך די חופה האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים.

סעודה - דערנאך איז מען אריין אין ביהמ"ד וואו מען האט זיך געוואשן צום סעודת החתונה, עס האט אונטערגעשפילט שיינע רואיגע חסידישע ניגונים, אן אפגעכאפטע טעיפ פון א "געהעריגע" חתונה, מיט א שיינע כאאר. פאר די נאנטע משפחה איז געווען צוגעגרייט חלה, פיש, סאלאטן, קוגל, און טשאלענט, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען און געגעסן צו דער זעט.

שמחת חתן וכלה - אום 7:15 איז די חתן אריינגעקומען אין זאל, וינועו אמות הסיפים, עס האט געקנאקט דער טעיפ "עוד ישמע בערי יהודה", פונקט אדער נאך שענער ווי עס וואלט געווען "לייוו מוזיק". דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט אין רינגען, אזש די ווענט האבן מיטגעטאנצט, די פנימ׳ער פון די באטייליגטע האבן געשטראלט פאר שמחה, און די געפילן פון שמחה האבן זיך איבערגעגאסן אין אלעביינער אז מען האט געשפרינגען אין די לופטן.

דער ריזיגער פילקעפיגער עולם וואס איז געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט האבן געהאלטן אין איין שטראמען צום בית המדרש וואס איז געווארן פולער און פולער, די טענץ האבן אנגעהאלט פאר אומגעפער צוויי שעה, זיך מיטצופרייען מיט׳ן חתן און מיט׳ן מחותן דעם ראש ישיבה שליט"א וואס צענדליגער טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט דערקוויקן זיך טאג טעגליך מיט די שיעורים בריוון א.א.וו. און ווערן אויפגעלעבט און באקומען א פרישע חיות צו דינען דעם אייבערשטן. אזוי אויך מיטן מחותן הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א, וואס איז גבאי אין ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל, וואס איז פקיע שמיה אינעם גאנצן אומגעגענט אז ווער עס דארף נאר התחזקות אדער אן אויער קען אייביג אריינקומען אינעם ביהמ"ד אויף 6 פרעמישלאן גאס, און ארויסגיין אנגעפילט מיט א נייע מוט און פרישקייט.

פילע רבנים און דיינים האבן זיך באטייליגט אין די שמחה, צווישן זיי הרה"ג רבי געצל בערקאוויטש שליט"א, דומ"ץ קרית יואל; הרה"ג רבי זלמן לייב פילאפ שליט"א, דומ"ץ סאטמאר ווימ"ס; הרה"ג רבי משה פריעדמאן שליט"א, דומ"ץ סאטמאר ב"פ; הרה"ג רבי יוסף טייטלבוים שליט"א, אב"ד נעפלימיץ; הרה"ג רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א, דומ"ץ סאטמאר ווימ"ס; הרה"ג רבי דוד דוב מייזליש שליט"א, אב"ד ווייטצן; און נאך פילע.

די מקורבים פונעם עלטער זיידע הגאון הגדול דער קארלסבורגער רב שליט"א האבן געזאגט אז מען האט שוין נישט געזען אזא שמחה אויסגעגאסן אויף פנים פונעם זיידן דער גרויסער גאון פאר גאר א לאנגע צייט, אזוי אויך האט דער קארלסבורגער רב שליט"א צוגערופן אינמיטן די חתונה זיין אייניקל דער מחותן דער ראש ישיבה שליט"א און אים געזאגט מיט א געוואלדיגע קורת רוח, "עס איז דא דא א שטארקע ריח פון קדושה".

ברכת המזון און מצוה טאנץ - אום 9:35 איז מען געגאנגען בענטשן. דער ראש ישיבה שליט"א איז מכובד געווארן מיט ברכת המזון.

די מצוה טאנץ איז צוגעגאנגען מיט׳ן באקאנטן קורצן "יעמוד יעמוד" נוסח, וואס איז שוין היינט באקאנט. אלע באטייליגטע האבן שטארק הנאה געהאט אז זיי דארפן נישט אויסווארטן די לאנגווייליגע הספדים צערעמאניעס וואס קומט בכלל נישט אריין דא ביים חתונה אדער מצוה טאנץ.

מען האט אריינגעברענגט די ספעציעלע מחיצות צום מצוה טאנץ כנהוג בחצר קארלסבורג. צום ערשט האט דער מחותן דער ראש ישיבה אויסגערופן זיין גרויסן זיידן כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א צום מצוה טאנץ, וואס האט כמנהגו בקודש געטיילט דער מאכל "קינדל" פאר׳ן גיין טאנצן. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגערופן זיין טאטן הגה"צ רב הצעיר קארלסבורג שליט"א. דערנאך האט דער שמש הר"ר העניך אינדיג שליט"א אויסגערופן די זיידעס פון די כלה הר"ר מאיר יוסף טייטלבוים שליט"א און הר"ר יושע שמאיע שליט"א צום טאנצן. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגערופן זיין שווער הגה"צ ר׳ מרדכי אהרן מייזליש שליט"א. דערנאך האט דער זיידע פונעם חתן הגה"צ רב הצעיר קארלסבורג שליט"א אויסגערופן זיין זון דער ראש ישיבה שליט"א צו מצוה טאנץ. דערנאך האט דער ראש ישיבה אויסגערופן זיין מחותן הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א דער טאטע פון די כלה צו מצוה טאנץ. דערנאך האבן די חתן כלה געטאנצן מצוה טאנץ. נאך די חתונה האט מען געזונגען די ניגונים "אין כאלוקינו" און "לקח און ברוינפן" כמנהג ווייטצען. אויף 10:50 איז די גאנצע חתונה געווען פארטיג, און אויף 11:00 איז דער גאנצער בית המדרש שוין אויפגערוימט און גרייט פאר׳ן מארגענדיגן טאג פאר די בחורים צו קומען לערנען.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די מחותנים זאלן זען נאר שמחה און אידיש נחת ווייטער, און די פאר פאלק זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב לתפארת אבותינו ורבותינו, און פון זיי זאל ארויסקומען ערליכע אידישע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה!**

---

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק שיעורים און דרשות, וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר׳ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**

**החתן שלמה ני"ו**

**עב"ג בת**

**מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א**

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל [עצי תמרים]**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי׳ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

---

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

---

## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

הבחור **ישראל מנחם ראזענבערג** ני"ו

**וואס טרויערט אויף די פלוצלינגע פטירה פון זיין שוועסטער**

**האשה החשובה מרת פיגא פריעדמאן ע"ה**

**המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים**

---

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

---

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

---

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**